**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 13 מיליאן דאלאר אין גרענטס געשאנקען פאר נאָן-פראַפיט סערוויס פראָוויידערס צו צושטעלן קאריערע טרענירונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס

***גרענטס וועלן מאכן ניו יארק'ס ארבעטסקראפט מער פילפארביג און שטערקער דורכן צוגרייטן מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו קענען זיין ערפאלגרייך אין די היינטיגע דזשאב מארקעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 13 מיליאן דאלאר אין גרענטס זענען פארטיילט געווארן דורך די NYS אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People with Developmental Disabilities, OPWDD) פאר זיבן נאָן-פראַפיט סערוויס פראָוויידערס אריבער די סטעיט צו פינאנצירן ארבעטס טרענירונג געלעגנהייטן פאר ספעציפישע סארטן קאריערעס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס אין לויף פון די קומענדיגע פיר יאר.

"אונזער סטעיט'ס לעבהאפטיגע עקאנאמיע איז אנגעוויזן אויף די שווערע ארבעט און מומחיות'שאפט פון אלע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס האבן די זעלבע באגער און רעכט צו ביישטייערן צו די ארבעטסקראפט און צו זיין זעלבסטשטענדיג. די געלטער וועלן צוגרייטן מענטשן פאר הצלחה אויף די דזשאב און העלפן ארבעטסגעבער אנפילן ליידיגע פאזיציעס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס קאמישאנער, קערי נייפעלד, האט געזאגט,** "מיט די געציהלטע טרענירונג אינציאטיוו, שטופן מיר פאראויס אונזער פארשטאנד פון וואס איז מעגליך פאר ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו טוהן. אזוי ווי מיר באפולמעכטיגן מער מענטשן צו ארבעטן, וועלן מיר דעמאנסטרירן נייע און עפעקטיווע וועגן צו שטיצן מענטשן און ווייזן פאר די וועלט די שטארקייט און הצלחה וואס קומען ארויס ווען ארבעטסגעבער נעמען אינגאנצן אן אויף זיך די פרינציפן פון פארשידנארטיגקייט און פון אריינעמען יעדן איינעם."

מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס זענען אויף א היסטארישן פארנעם געווען א קלענערע חלק אין די אלגעמיינע ארבעטסקראפט. די קאריערע טרענירונג פראגראמען וועלן העלפן מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס זיך צו איינהאנדלען די סקילס און ערפארונג וואס זענען נויטיג זיך צו קענען פארזיכערן ארבעט און פארמאכן די לאך פון ארבעטסלאזיגקייט פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס.

אין 2022 האט גאווערנער האקול אנערקענט די נויט פאר מער ארבעטס טרענירונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס, און זי האט צוגעשטעלט פינאנצירונג פאר די OPWDD צו אויפקומען מיט- און דורכפירן ארבעטס טרענירונגען פאר ספעציפישע סארטן קאריערעס וועלכע וועלן העלפן מענטשן אריינגיין אין די ארבעטסקראפט און געניסן פון קאריערעס וואס ברענגען זיי סיפוק.

די שריט זענען אין איינקלאנג מיט די גאווערנער'ס ארויסגעגעבענע עקזעקיוטיוו ארדער 31 "פארפליכטנדיג ניו יארק סטעיט צו ווערן א מוסטערהאפטיגער ארבעטסגעבער פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס" און אזוי אויך מיט די אנהויב פון די יערליכע 'DREAM סימפּאָוזיום' צוזאמקום, און עס בויט ווייטער ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן מענטשן מיט דיסאביליטיס זיי צו העלפן טרעפן באשעפטיגונג. די טרענירונג פראגראמען וואס ווערן אנטוויקלט און אריבערגעפירט דורך די גרענטס וועלן צוזאמגעשטעלט ווערן מיט ארבעטס ערפארונגען אין די קאמיוניטי וועלכע וועלן פינאנצירט ווערן דורך די OPWDD'ס ברייטע 'היים און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס וועיווער' (Home and Community-Based Services Waiver). די טרענירונג וועט העלפן מענטשן זיך איינהאנדלען ווערטפולע סקילס וואס וועלן נאכקומען די פארלאנג פון די היינטיגע ארבעטסגעבער און פירן צו הצלחה ביים ארבעט. מער מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס וועלן קענען ברענגען זייער פערזענליכעביישטייערונג צו די ארבעטסקראפט, פארזיכערנדיג שטערקערע, מער פילפארביגע און אריינגעמיגע קאמיוניטיס.

גרענטס זענען געשאנקען געווארן פאר די פאלגנדע סערוויס פראָווײדערס:

- Access: Supports for Living Inc.
- AccessCNY, Inc.
- Community Services for Every1, Inc.
- Family Residences and Essential Enterprises, Inc.
- Jawonio, Inc.
- AHRC NYC
- Upstate Caring Partners

**Access: Supports for Living Inc. פרעזידענט און CEO, ראן קאלאַוויטאָו, האט געזאגט,** "Access: Supports for Living Inc. איז געגרונדעט געווארן אויף די גלויבונג אז מענטשן מיט דיסאביליטיס האבן די מעגליכקייט זיך צו באטייליגן אין באדייטפולע און ווערטפולע ארבעט און די באגער צו זיין א טייל פון אריינגעמיגע ארבעטספלעצער. מיר האבן געזעהן איינמאל און נאכאמאל אז עס איז וויכטיג אז יעדער זאל זיין אנוועזנד, און אז עס האט אן אומשאצבארע און פאזיטיווע השפעה אויף דעם מענטש, אויף זייער ארבעטספלאץ און אויף זייער קאמיוניטי. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול און קאמישאנער נייפעלד פאר זייער פארשטאנד און שריט צו שאפן מער אריינגעמיגע און פארשידנארטיגע קאמיוניטיס."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון AccessCNY, פאול דזשאסלין, האט געזאגט,** "AccessCNY איז דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו אויסברייטערן אונזערע באשעפטיגונג סערוויסעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס אין צענטראל ניו יארק. בשותפות מיט Upstate Caring Partners און דריי אנדערע פראָווײדערס, וועט AccessCNY טרענירן מענטשן מיט דיסאביליטיס פאר קאריערעס אין עסנווארג אדער ריינקייט/אויפהאלטונג סערוויסעס. מיר זענען באגייסטערט צו אנהויבן די קלאסן אין די קומענדיגע וואכן און צו ארבעטן מיט די פראגראם'ס גראדואירטע צו טרעפן דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט. דער פראגראם זעצט פאר AccessCNY'ס מיסיע פון שעפערישקייט ביים נאכקומען די טוישנדע באדערפענישן פון צענטראל ניו יארק און צו שאפן א קאמיוניטי וואו אלע מענטשן באלאנגען."

**Community Services for Every1, Inc. פרעזידענט און CEO, מינדי סערוואָוני, האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע פאר .Community Services for Every1, Inc זיך צו באטייליגן אין די שעפערישע אינציאטיוו צו פארבעסערן באשעפטיגונג רעזולטאטן פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס. די פארלאנג און פארשפראכענע הצלחה פון גאסטגעבעריי דזשאבס אין אונזער ראיאן

בלייבן שטארק. די טרענירונג וועט גלייכערהייט בענעפיטירן ארבייטער און לאקאלע ארבעטסגעבער וועלכע זוכן צו פארשטערקערן זייער ארבעטסקראפט."

**CEO o'Family Residences and Essential Enterprises, Inc., קריס לאָנג, האט געזאגט,** "מיר וואלטן נישט געקענט זיין מער באגייסטערט צו אריינגיין אין א שותפות מיט די OPWDD צו פארשאפן נייע ארבעטס טרענירונג וואס וועט העלפן ברענגען געלעגנהייטן פאר אנהאלטנדע ארבעט וועלכע מיר שטיצן. מיר זענען אזוי דאנקבאר פאר די שטיצע."

**CEO o'Jawonio, Inc., רענדי ריאָוס-קאסטראָו, האט געזאגט,** "עס איז אן אמת'ע עהרע פאר Jawonio צו האבן געשאנקען געווארן די געלטער וועלכע זענען פארטיילט געווארן דורך די OPWDD צו צושטעלן ריטעיל טרענירונג סערוויסעס. מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס זענען א וועזנטליכע טייל פון אונזערע קאמיוניטיס דא אין די לאָווער האדסאן וואלי ראיאן און אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט; און דאך האבן זיי זיך נישט אנגעזעהן קיין סאך אין די ארבעטסקראפט פאר צו לאנג. מיט גאווערנער האקול'ס פעלזן-פעסטע פארפליכטונג צו אריינגעמיגקייט, קען Jawonio יעצט באפולמעכטיגן מענטשן זיך צו קענען איינהאנדלען ווערטפולע סקילס וואס קענען זיי פארשאפן וועגן צו ערפאלגרייכע קאריערעס וואס גיבן זיי סיפוק."

**CEO o'AHRC NYC, מארקאָו דאמאני, האט געזאגט,** "פארשער פון די דרעקסעל אוניווערסיטעט האבן לעצטנס אפגעשאצטע אז נאר 1.1 פראצענט פון ערוואקסענע מיט אויטיזם אין די עלטער וואס געוועגטליכע מענטשן ארבעטן און וועלכע דארפן פאטענציאל צוקומען צו באשעפטיגונג סערוויסעס באקומען למעשה די סערוויסעס — לאזנדיג א געשאצטע 1.98 מיליאן מענטשן מיט אויטיזם אין די באשעפטיגונג סערוויסעס וואס זענען פארבינדן מיטן עררייכן וואוילזיין. כאטש די ציפערן זענען מעגליך נישט פונקטליך אזוי פאר די גאנצע אנטוויקלונג דיסאביליטיס באפעלקערונג, דאך איז קלאר דא א נויט פאר מער אגרעסיווע און פארגעשריטענע קאנצענטראציע אויפן פארבעסערן ארבעט און אינטערנשיפ געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס. AHRC NYC איז שטאלץ צו באקומען א OPWDD ארבעטס טרענירונג גרענט און איז פארפליכטעט צו ארבעטן בשותפות מיט די NYS רעגירונג צו עררייכן פולשטענדיגע אריינגעמונג פון מענטשן מיט דיסאביליטיס אין די ארבעטספלאץ."

**Cerebral Palsy Associations of NYS פרעזידענט און CEO, מייק אלווארעָו, האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר די קריטישע געלטער, ווידעראמאל ארויסווייזנדיג די אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס. באשעפטיגונג איז א פונדאמענטאלע טייל פון ווער מיר זענען און פון וויאזוי מיר פארבינדן זיך מיט אונזערע קאמיוניטיס, און די גרענטס טוהען נישט נאר אנערקענען אז מיר זענען געוויס א טייל פון די NY קאמיוניטי, נאר זיי ערמעגליכן אויך מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס זיך צו באטייליגן און זיין פראדוקטיווע מיטגלידער פון די ארבעטסקראפט אויף א פיל ברייטערן פארנעם ווי פארגאנגענע געלעגנהייטן האבן זיי ערלויבט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן